**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/28/2021 **גאווערנאר קעטי האוקאל**

**גאווערנאר האוקאל שרייבט אונטער א רייע געזעצן איבער משפחה אַביוז**

***געזעץ S.1557/A.4496 פאדערט פון יוטיליטי סערוויסעס פירמעס צו באפרייען געליטענע פון משפחה אַביוז פון זייערע קאנטראקטן***

***געזעץ S.1555A/A.465-A פארגרינגערט פאר געליטענע פון משפחה אַביוז צו האלטן זייערע וויילער רעגיסטראציע רעקארדס אין געהיים.***

גאווערנאר קעטי האוקאל האט היינט אונטערגעשריבן א רייע געזעצן איבער משפחה אַביוז (דאָמעסטיק וויאלענס). געזעץ S.1557/A.4496 פאדערט פון יוטיליטי סערוויסעס פירמעס צו באפרייען געליטענע פון משפחה אַביוז פון זייערע קאנטראקטן. געזעץ S.1555A/A.465-A וועט פארגרינגערן פאר געליטענע פון משפחה אַביוז צו אפלייען אז זייערע וויילער רעגיסטראציע רעקארדס זאלן ווערן באהאלטן פון די פובליק צוטריט.

"מיין מוטער האט געארבעט מיט איבערלעבער פון משפחה אַביוז איר גאנצע לעבן, און איך בין שטאלץ צו פארזעצן איר מיסיע צו ברענגען אן ענדע צו אביוז און צו שטיצן די באדערפענישן פון איבערלעבער און פאמיליעס", **האט גאווערנאר האוקאל געזאגט.** "פאדערנדיג פון יוטיליטי פירמעס צו פריי לאזן איבערלעבער פון משפחה אַביוז פון זייערע קאנטראקטן, גיבנדיג זיי געלט פאר באדערפענישן אזוי ווי זיי שטעלן זיך צוריק אויף די פיס אין א נייע היים, און האלטן די אדרעסן פון די נייע היימער אין געהיים פארזיכערט אז די איבערלעבער קענען דארט וואוינען זיכערערהייט."

געזעץ S.1557/A.4496 ענדערט די פובליק סערוויס געזעץ (public service law) פאדערט פון יוטיליטי סערוויסעס פירמעס צו באפרייען געליטענע פון משפחה אַביוז פון זייערע קאנטראקטן. די געזעץ לייגט צו א סעיף צו די געזעץ פאר געליטענע פון משפחה אַביוז כדי זיי זאלן נישט דארפן ווייטער צאלן פאר סערוויסעס פאר א פלאץ פון וואו זיי האבן אנטלאפן.

**סענאטאר קעווין פארקער האט געזאגט,** "די באדויערליכע אמת איז אז ניו יארק סטעיט דארף טוהן מער צו פארזיכערן שוץ פאר געליטענע פון משפחה אביוז. אזוי ווי איבערלעבער ארבעטן זיך צו רוקן פאראויס מיט זייערע לעבנס, דארפן זיי זיך קענען ארויסברעכן פון יוטיליטי קאנטראקטן אן באשטראפט ווערן דערפאר. איך טוה אפלאדירן גאווערנאר האוקאל פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע געזעץ און איך קוק ארויס אויסצופלאסטערן מער וועגן פאר די ערהוילונג פון איבערלעבער."

**אסעמבלי מיטגליד קארמען דע לא ראָוזע האט געזאגט,** "מיר באדאנקען גאווערנאר האוקאל פארן אונטערשרייבן די וויכטיגע געזעץ וואס וועט גיין א לאנגע וועג ביים צוריקברענגען א בכבוד'דיגע לעבן פאר איבערלעבער פון אביוז. אביוז פון פארטנערס געשעהט אין פיזישע וועגן, דורך די מויל אדער אין די פארעם פון עקאנאמישע אביוז. די געזעץ וועט ערלויבן פאר איבערלעבער צו באפרייט ווערן פון קאנטראקטן כדי צו זיכער מאכן אז זיי קענען צוריק אויפבויען זייערע לעבנס און צוקונפט."

געזעץ S.1555A/A.465-A ענדערט די וואלן געזעץ (election law) צו פארגרינגערן די פראצעדור פון האלטן א רעגיסטרירטע וויילער'ס נאמען און אדרעס פון ארויסגעגעבן ווערן פאר די פובליק. אין די פארגאנגענהייט וואלט א געליטענער פון משפחה אַביוז געדארפט אפלייען צו די סופרים געריכט פאר א געריכט באפעל צו האלטן די אינפארמאציע פון ארויסגעגעבן ווערן. יעצט קענען געליטענע פון משפחה אַביוז מאכן א פארלאנג דירעקט צו די באָורד אָוו עלעקשענס בעטנדיג אז די וויילער רעגיסטראציע אינפארמאציע זאל געהאלטן ווערן אין געהיים פאר פיר יאר.

**סענאטאר זעלנאר מיירי האט געזאגט,** "איבערלעבער פון משפחה אַביוז דארפן נישט געלאזט ווערן צו באשליסן צווישן אויסנוצן זייער רעכט צו שטימען אין וואלן און צווישן זייער פערזענליכע זיכערהייט. מיר ווילן אז אלע ניו יארקער זאלן שפילן א ראלע אין אונזער דעמאקראטיע; דורכן אוועקנעמען אן אורזאך פון מורא, וועט די געזעץ האפנטליך פארגרינגערן פאר איבערלעבער צו טרעפן און נוצן זייערע שטימעס אין אונזערע וואלן."

**אסעמבלי מיטגלידערין נילי ראָוזיק האט געזאגט,** "קיין איין איבערלעבער דארף נישט געצווינגען ווערן צו אויפגעבן זייער רעכט צו שטימען אין די וואלן כדי זיך צו באשיצן פון אביוז. די געזעץ וועט פארזיכערן אז איבערלעבער פון משפחה אַביוז האבן א יושר'דיגע און גראדע וועג צו האלטן זייערע וויילער רעגיסטראציע דעטאלן אין געהיים, ערמעגליכנדיג זיי צו שטימען אין די וואלן אן קיין מורא. איך טוה אפלאדירן גאווערנאר האוקאל פארן אונטערשרייבן די קריטישע געזעץ צו פארזיכערן די זיכערהייט פון אלע ניו יארקער."

די NYS אפיס פאר די פארמיידונג פון משפחה אַביוז ( Office for the Prevention of Domestic Violence, OPDV) איז די לאנד'ס איינציגסטע עקזעקיוטיוו שטאפל סטעיט אגענטור געווידמעט פאר די אנגעלעגנהייט פון משפחה אַביוז. ניו יארק סטעיט'ס משפחה און סעקסועלע אביוז האַטליין איז אפן 24/7: 800-942-6906(רופט), 844-997-2121 (טעקסט) אדער @opdv.ny.gov (שרייבט זיך דורך די אינטערנעט). לעצטע יאר האבן די סטעיט און לאקאלע האַטליינס באקומען מער פון 250,000 רופן פאר הילף.

די אפיס פון סערוויסעס פאר געליטענע פינאנצירט אויך א נעץ פון איבער 200 קאמיוניטי-באזירטע פראגראמען וואס גיבן דירעקט סערוויסעס פאר געליטענע פון פארברעכנס און פאר זייערע פאמיליעס. די פראגראמען העלפן אויך סיי וועלכע געליטענע פון פארברעכנס צו אפלייען פאר פארגוטיגונג און פאר אנדערע הילף פון דעם אגענטור, זייענדיג א זיכערהייט נעץ פאר מענטשן וועלכע האבן נישט קיינע אנדערע מיטלען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן